# דאָס יאָר 1937

פון

בלומע קאַץ

(סווינציאַן)

## א

מיין טאַטע, זיינע עלטערן, זיידעס און עלטער=זיידעס — אַלע שטאַמען פון סווינציאַן (אויף ליטוויש — שווענטשיאָנים). מיין מאַמעס משפחה שטאַמט פונעם דאָרף גאַוויקען, וואָס איז האַרט לעבן איגנאַלינע. האָבן מיין מאַמע מיטן טאַטן געאַרבעט אין ווילנע, זיך דאָרט באַגעגנט און חתונה געהאַט. ערב דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דער טאַטע לאַנג צי ניט לאַנג געטראַכט, איבערלאָזן מיין מאַמען אַ שוואַנגערע און מיט אַ קינד פון צוויי יאָר, און אַוועקגעפאָרן אין אַמעריקע, וואוהין עס זיינען געפאָרן טויזנטער צו זוכן גליקן, אַ לייכטער לעבן אין דעם „גאָלדענעם לאַנד". ער האָט פאַרזיכערט דער מאַמען אַז ווי נאָר ער וועט אָנהייבן אַרבעטן און „מאַכן אַ לעבן", וועט ער אונדז נעמען צו זיך. אין דעם איז ער, ווייזט אויס, געווען זיכער, און אין דעם האָט מיין מאַמע געגלייבט.

דאָ האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, און אַלץ איז אַוועק מיט רויך און שריפות, מיט הונגער און נויט, מיט בלוטפאַרגיסונגען. מיין עלטערער ברודער איז געשטאָרבן פון דיסטראָפיע. מיר מיט דער מאַמען האָט אויך געדראָט דאָס אייגענע. דאַן האָבן אַ סך שכנים געעצהט אַז מיר זאָלן פאָרן קיין סווינציאַן, צו דער באָבען: דאָרט וועט זיין אַ דאַך איבערן קאָפּ און מערער מעגלעכקייטן צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

אין סווינציאַן האָב איך געענדיקט די זיבן=קלאַסיקע יידישע פאָלקס=שול, דערנאָך האָב איך אַנדערטהאַלבן יאָר געלערנט אין דער סווינציאַנער יידישער גימנאַזיע, ביז מ'האָט די גימנאַזיע ניט צוגעמאַכט, מחמת זי איז געווען אַ יידישע, אַ פּריוואַטע הייסט דאָס, עקזיסטירט אָן קיין שום מלוכהשער הילף. אַזוי אַרום האָט די גימנאַזיע ניט געהאַט קיין מלוכהשע רעכט, מיט וועלכע מ'האָט געבענטשט אַזעלכע יידישע שולן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידיש; די דאָזיקע אַסימילאַטאָרן פלעגן זיך קרוינען: פּאָליאַקן פון משהס גלויבן.

דער טויט פון אונדזער גימנאַזיע איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַרן גאַנצן יידישן שול=וועזן, פאַרן צענטראַלן בילדונגס=קאָמיטעט („צע בע קאַ") פון ווילנער קרייז. אין ווילנע איז געווען אַ ניט קיין געשריבענער געזעץ מכח די געוועזענע סווינציאַנער גימנאַזיסטן, מען זאָל זיי אויף ווי ווייט מעגלעך העלפן פאָרצוזעצן די לימודים אָדער אין דער יידישער רעאַל=גימנאַזיע אויף רודניצקער גאַס 6, אָדער אין ס. מ. גורעוויטש גימנאַזיע* אויף מאַקאָווער גאַס, אָדער אַפילו אין דעם יידישן לערער סעמינאַר — ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס זיינען שוין פאַרביי צוויי חדשים פונעם לערניאָר 1930\1929; ביז דער מיט נאָוועמבער 1929 האָט נאָך אונדזער גימנאַזיע געגוססט.

מיין באַשלוס איז געווען זיך ווענדן אין דעם לערער סעמינאַר, מחמת איך האָב שוין לאַנג געטרוימט וועגן אַ פּעדאַגאָגישער בילדונג, געהאַט צו דעם אַ נייגונג. כ'האָב אויסגערעכנט אַז איך וועל קענען פאַרדינען עטלעכע זלאָטעס — אפשר וועט זיך מאַכן אַ פּריוואַטע לעקציע, אפשר אַן אַנדער אַרבעט. אויף אַ גאָר קליינער הילף האָב איך זיך געקענט אויסרעכענען מצד דער מאַמען, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט, קוים געצויגן איר חיונה. כ'האָב אויך געוואוסט אַז ביים סעמינאַר איז געווען אַן

*) וועגן דער גורעוויטש גימנאַזיע זע אין דעם איצטיקן באַנד אהרן גאָראָנס קאַפּיטל זכרונות, שפּאַלטן 168-153. — רעד.

אינטערנאַט אויף סובאָטש גאַס 27. עס שטייען נאָך ביז היינט די צוויי פינף־עטאַזשיקע מויערן, וועלכע די ווילנער יידישע קהילה האָט אויסגעבויט פאַר אָרעמעליט; צוויי עטאַזשן, דעם פערטן און דעם פינפטן, האָט מען אָפּגעגעבן פאַר די שילער פונעם סעמינאַר. דער שכר־לימוד איז געווען אַ מינימאַלער, און ביי גרויס נויט האָט מען פון אים אויך באַפרייט.*

נאָכן ענדיקן דעם דריטן קורס (די פּראָגראַם איז געווען אויסגערעכנט אויף פינף יאָר) האָט מען דעם סעמינאַר געשלאָסן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען אַז אין סעמינאַר פונקציאָנירט אַ קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די ווירקלעכע סיבה איז געווען אַן אַנדערע. די פּוילישע רעגירונג האָט געפירט אַ פּאָליטיק פון טאָטאַלער אַסימילאַציע. פאַר יידישע קינדער איז געווען אַ נעץ שולן מיטן אונטעררינכט אויף פּויליש. די שולן האָבן געהייסן אויפן נאָמען פון בערקאַ יאָסעלעוויטש, דעם באַרימטן העלדישן ייד וואָס האָט געקעמפט פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, קעגן דער צאַרישער אָקופּאַציע (ב. יאָסעלעוויטש איז אַ העלד פון יוסף אָפּאַטאָשוס אין פּוילישע וועלדער).

איך האָב זיך געמוזט אומקערן אין סווינציאַן, צו דער מאַמען. מיין פריינט, מיין חבר, מיין חתן (ביי אונדז איז געווען אָנגענומען צו זאָגן „מיין יאַט”), שמעון יאַוויטש, איז געבליבן אין ווילנע, וואו עס האָט געלעבט זיין מאַמע. ער האָט געהאָפט צו קריגן אַ באַליביקע אַרבעט און אַ מעגלעכקייט אַז מיר זאָלן קענען לעבן צוזאַמען.

אין פּוילן איז אין די דרייסיקער יאָרן געווען אַ גוואַלדיקער עקאָנאָמישער קריזיס, אַ שרעקלעכע אַרבעטסלאָזיקייט. די גרעסטע צאָל קרבנות זיינען געווען יידישע יונגטלעכע. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַגיטאַציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד, אויסנוצנדיק די היגע קאָמוניסטן, מען זאָל פאָרן אין סאָוועטישן רוסלאַנד. מ'האָט צוגעזאָגט ברידערלעכקייט, אַרבעט, בילדונג — יעדן לויט זיין באַגער, לויט זיינע פעאיקייטן, אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מגיפה — לויפן אין ראַטנ־פאַרבאַנד, גנבענען די גרענעץ. עס האָבן זיך געפונען פירער, וועגווייזער, און פאַר אַ געוויסן געצאָלט „פאָרט מען אַוועק גלייך אין גן־עדן”.

אויף אָט דער ווענטקע האָט זיך אַרויפגעכאַפּט מיין יאַוויטש. אין אָקטאָבער 1932 איז ער געקומען אין סווינציאַן, זיך בסודי סודות געזעגענען און פאַרזיכערן אַז ווי נאָר ער וועט זיך דאָרט איינאָרדענען, ווי נאָר ער וועט אָנהייבן לערנען, וועלן מיר זיין צוזאַמען. ער וועט מיך אַרויסרופן.

אין רוסלאַנד האָט מען אָבער יאַוויטשן במשך אַכט צי ניין חדשים געהאַלטן אין אַ לאַגער פון קאַטאָרזשנער אַרבעט, וואו מ'האָט שרעקלעך געהונגערט. זיי האָבן געמוזט זינגען, אַז זיי, די „אַריבערלויפער”, זיינען די גליקלעכסטע מענטשן. פון דעם לאַגער האָט מען אים געשיקט אויף אוראַל, קיין מאַגניטאָגאָרסק, וואָס איז געווען אַ נייע אינדוסטריעלע שטאָט. ער איז טאַקע אָנגעקומען זיך לערנען אין אַ לערער סעמינאַר, פאָרגעזעצט זיין האַלב הונגעריק לעבן, שוין ווי אַ סטודענט. האָט ער אָנגעהויבן שרייבן באַגייסטערטע בריוו, אַז איך זאָל קומען צו אים, אַז מיר וועלן זיין גליקלעך, פּונקט ווי יעדער שרייבט צו זיין געליבטע. און איך האָב אָפּגעטאָן דעם גרעסטן פאַרברעכן לגבי מיין מאַמען, וועמענס „אויג און קאָפּ” איך בין געווען, און זיך געלאָזן אין וועג אַריין צוזאַמען מיט יאַוויטשעס עלטערן ברודער. דאָס איז געווען אין מאַי 1935.

# ב

ווען איך הער נאָר די ווערטער „ניינצן זיבן און דרייסיק” הייבט מיך אָן טרייסלען ווי אין פיבער, עס גייט אַריבער אַ קעלט ביז די ביינער, ס'פאַלט אָן אַ ווילדע שוואַכקייט, וועלכע שטערט אָבער ניט צו זען פאַר די אויגן אַלץ וואָס מען האָט איבערגעלעבט.

...עפנסט נאָר די אויגן און דער ראַדיאָ מעלדעט שוין אַז מיר מוזן זיין אויפמערקזאַם, פאָרזיכטיק, מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים, אונדז פאַרגינט מען ניט אונדזערע דערפאָלגן, אונדזער גליקלעך לעבן, צו אונדז שיקט מען שפּיאָנען, זיי ווילן אונדז דערשטיקן, זיי זיינען צווישן אונדז, דערקענט זיי, גיט צו וויסן וועגן זיי אין די אָרגאַנען ען־קאַ־ווע־דע.

עפנסט נאָר די טיר און די שכנטע זאָגט מיט פּחד: „איר האָט געהערט? דעם האָט מען צוגענומען, יענעם אויך”. און זי גיט דערביי צו: „מיר קענען דען וויסן ווער עס רינגלט אונדז אַרום?”

קומסט צו דער אַרבעט און זעסט אַז דיין מיטאַרבעטערין איז טויט בלייך, וואַקלט זיך אויף די פיס, ווי זיי וואָלטן געווען פון גומע. די אויגן זיינען רויט, געשוואָלן. ביי אירער אַ נאָענטע האָט שוין דער אומגליק געטראָפן. אין עטלעכע מינוט אַרום — אַ פאַרזאַמלונג.

---

*) וועגן ווילנער יידישן לערער סעמינאַר זע דער מחברטעס זכרונות אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 254-241, ווי אויך אַרטור לערמערס זכרונות אין דעם איצטיקן באַנד, שפּאַלטן 188-173. — רעד.

דער אינהאַלט איז אַלעמען באַקאַנט: „צווישן אונדז גייען אַרום שונאים פון פאָלק, דער און דער, די און די. און מיר, צו אונדזער שפּאָט און שאַנד, האָבן זיי ניט באַמערקט. אמת, זיי קענען זיך מאַסקירן, אָבער אונדזערע וואַכזאַמע אָרגאַנען וועסטו ניט אָפּנאַרן, זיי געפינען, זיי געדענקען, זיי זיינען אויף דער וואַך — לאַנג לעבן זאָלן זיי! דערפאָלג זיי!"

ס'ווילט זיך וואָס גיכער קומען צו זיך אין צימער, אין מיין היים, פאַרמאַכן די טיר און פענצטער, זיך פרייען מיט אונדזער איינציאָריק טעכטערל, רואיק אָפּעסן אונדזער באַשיידן אָוונטברויט. איך קוק אויף שימקען — ביי אים זיינען „אויסגעוואַקסן" זיינע שיינע, קלוגע אויגן, ער קוקט אויף מיר, מיר ביידע — אויף אונדזער קינד און אויף שימקעס מאַמע וועלכע לעבט מיט אונדז צוזאַמען. מיר פאַרשטייען אַליך אָן ווערטער, עס פעלן ווערטער וועלכע וואָלטן געקענט זאָגן וואָס ניט איז וועגן אונדזער מצב, וועגן אונדזער שרעק פאַרן גורל פונעם קליינעם טעכטערל און פון דער אַלטער מאַמע. שימקע איז אַן אָפּטימיסט, ער טרייסט מיך און זאָגט אַז מיר דאַרפן זיך ניט זאָרגן, ווייל מיר זיינען ערלעכע מענטשן. און ערלעכע מענטשן נעמט מען ניט...

אין אַזאַ אָוונט, דעם 28טן אָקטאָבער 1937, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אונדזערע באַקאַנטע, אויך ווילנער, האָט מען אַרעסטירט. זאָג איך צו מיין מאַן: „הער נאָר, שימקע, זאָג מיר, וואָס קומט דאָ פאָר? דו ביסט קליגער פון מיר, אַ ביסעלע עלטער און אַ ביסעלע לענגער לעבסטו אין רוסלאַנד". ענטפערט מיר מיין קלוגער מאַן, אייגנטלעך אַזוי ווי עס וואָלט געענטפערט כמעט יעדערער ווער עס איז שוין „דערצויגן" געוואָרן לויט די סאָוועטישע מנהגים: „ווייזט אויס אַז ביי ווילוולען, למשל, איז פאָרט עפּעס ניט אין אָרדענונג. מען האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה. חיים, צום ביישפּיל, האָט געהאַט רייכע עלטערן, זיין זיידע איז געווען אַ רב. און משהלע איז, זאָגט מען, געווען אַ ציוניסט". א.א.וו.

לייג איך פאָר מיר זאָלן אַריינגיין צו סטאָנקיעוויטשן, אונדזער גוטן פריינט, איך אַרבעט מיט זיין פרוי. מיר באַגעגענען זיך אויף משפּחה יום־טובים און ביי אַנדערע געלעגנהייטן. און דאָס וויכטיקסטע איז אַז ער איז דער הויפּט־ריכטער אין אונדזער שטאָט, ער איז אַ זעלטן גוטער יוריסט. גערעדט און געטאָן. מיר קומען אַהין. אָנשטאָט דער האַרציקער גאַסטפריינטלעכקייט, צו וועלכער מיר זיינען צוגעוואוינט, באַגעגענען אונדז קאַלטע ווייסע פּנימער, צעשטריטע, פאַרלאָרענע. מען לייגט אונדז אַפילו ניט פאָר אַז מיר זאָלן זיך זעצן. מיר שטייען עטלעכע מינוט, מיר פילן אַז מיר זיינען ווייט ניט קיין געגאַרטע געסט. קיינער פאַרהאַלט אונדז ניט, נאָר וואַליע, די פרוי, יאָגט אונדז אָן און זאָגט, אַז מען האָט היינטיקע נאַכט אַרעסטירט איר מאַנס ברודער.

גייען מיר אַהיים. אונטערוועגנס פרעג איך: „שימקע, איז דאָס מעגלעך אַז אונדז זאָל טרעפן אַזאַ גורל?" ענטפערט ער: „אַזעלכע געדאַנקען דאַרפן מיר ניט דערלאָזן".

## ג

אין דער זעלבער נאַכט דעם 28טן אָקטאָבער 1937, האָט מען שימקען אַרעסטירט.

דעם 12טן נאָוועמבער 1937 האָב איך זיך גאָר פרי אַוועקגעשטעלט צו דער טורמע, וואו לויט דער אינפאָרמאַציע וועלכע איך האָב באַקומען, איז געזעסן מיין מאַן. איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם פון דעם קאַפּיטאַן (אָדער מאַיאָר) סטעפּאַנאָוו, צו וועמען איך בין געגאַנגען אַלע טאָג, אָפּגעקלאַפּט, ווי מ'זאָגט, די טיר. ענדלעך האָב איך דערלעבט, נאָך צוויי וואָכן מאַטערניש, די גליקלעכע מינוט. ביים טיש איז געזעסן אַ בייזער מאַן, אַ שמאָלער זאַט פּנים מיט אויגן ווי ביי אַ סאָווע, וועלכע קוקן בייז און דראָענדיק.

„וואָס ווילט איר?"

לייג איך אויס מיין צוגעגרייטע רעדע, דוכט זיך זייער איבערצייגעוודיקע און לאָגישע דערווייזונגען וועגן דער מיספאַרשטענדעניש בנוגע יאַוויטשן. הערט ער מיך אויס, כ'זע ווי זיינע קינבאַקן באַוועגן זיך:

„צי דען ווייסט איר ניט, אַז קיין אומשולדיקע נעמען מיר ניט אַהער."

„יאָ, איך ווייס. אָבער איך דערלויב זיך צו מיינען, אַז עס טרעפט אַ טעות."

טוט ער אַ זאָג — ווי אַ שטאָך מיט אַ באַגנעט:

„ווער זייט איר אַזוינס? איר ווילט זאָגן, אַז איר זייט קליגער פון די הויכע אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור?"

אויף אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטום. דערנאָך האָב איך געזאָגט וועגן מיין ביטע צו אים, ער זאָל דערלויבן עפּעס איבערצוגעבן פאַרן מאַן. עס איז שוין קאַלט און ער איז אַוועק אין זומערדיקע בגדים. אַ ביטער־איראָניש שמייכל האָט „באַשטראַלט" סטעפּאַנאָווס פּנים:

„קומט מאָרגן צו דער טורמע, דאָרט איז אייער ערלעכער מאַן. אגב, זאָגט מיר אייער אַדרעס."

איך האָב אים, נאַטירלעך, געזאָגט, און ווי רופנדיק

צו מיטגעפיל און רחמנות צוגעגעבן, אַז ביי מיר איז מיין מאַנס אַלטע מאַמע און אַן איינציקע קינד.

„גענוג, גייט, אַלץ איז קלאָר."

איך האָב געוואוסט, אַז ביי דער טורמע איז אַ קילאָמעטער־לאַנגע ריי, בין איך אַוועק אין אָוונט. וועגן אָט די רייען, וועגן די שטימונגען פון די מענטשן וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, וועגן זייערע געדאַנקען און געפילן האָט בעסער פון אַלע אַנדערע אָנגעשריבן די גרויסע רוסישע פּאָעטעסע אַנאַ אַכמאַטאָוואַ, אין איר „רעקוויעם". אין אָט די אָטשערעדן האָט מען ניט גערעדט, מ'האָט זיך געשושקעט צווישן זיך, מ'האָט געהערט רק קרעכצן און שווערע זיפצן. ניין אַזייגער עפנט זיך דאָס פענצטערל, ס'קוקט אַרויס אַ בייזע באָרד:

„אָהאָ, וויפל ס'האָט זיך אָנגעפּלאָדיעט! ביי אַלעמען וועלן מיר ניט באַווייזן צו נעמען, און ניט אַלעמען איז דערלויבט".

מיין ריי איז ניט דערגאַנגען. אַ צעבראָכענע האָב איך זיך דערשלעפּט אַהיים. דעם 13טן איז ביי מיר געווען אַן אָפּרו טאָג. האָב איך זיך געשפּילט מיטן קינד. דאָס קינד איז געווען רואיק. זי איז איינגעשלאָפן געוואָרן אויף מיינע הענט, דאָס לעצטע מאָל. כ'האָב דוכט זיך ניט באַוויזן איינצושלאָפן, דער שלאָף האָט בכלל געווייכט פון מיר, ווי כ'האָב דערהערט אַ ווילדן קלאַפּ אין דער טיר.

„ווער?"

„עפנט גלייך, מיר זיינען פון די אָרגאַנען."

עס האָבן זיך אַריינגעלאָזן דריי מענער מיט אַ פרוי. די פרוי האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ הערשערין, גלייך זיך גענומען צום אונטערזוכן. ווען אין אירע הענט איז אַריינגעפאַלן עפּעס פון מיין באַשיידענעם גאַרדעראָב, פלעגט זי דאָס גלייך צומעסטן צו זיך. אויב אַ שוך, פלעגט זי זוכן דעם נומער. איך האָב געהאַלטן אַז די פרוי איז שלעכט דערצויגן, און מיט אַ בייזן בליק איר דאָס געגעבן צו פאַרשטיין. עס האָט איר אָבער ניט גערירט און ניט געאַרט. איר ציל איז געווען אַן אַנדערער; זי האָט געשמייכלט און זיך שוין געזען אין נייע נאַריאַדן.

דאָ הייבט זי אָן זייער הויך רעדן, קלאַפּן איבער די ראַנדן פון קינדס וויגעלע. אויף מיין באַמערקונג אַז זי וועט אויפוועקן דאָס קינד, האָט זי געענטפערט אַז דאָס איז זי טאַקע אויסן, און הייבט אָן צו שלעפּן דאָס קינד פונעם וויגל. דאָס טעכטערל שרייט און ציט זיך צו מיר. איך דריק זי עפּעס צו זיך, כ'בין זיכער אַז קיין כח וועט ניט קענען אַרויסרייסן ביי מיר דאָס קינד. אָבער איינער פון די מענער האָט מיך אַ שטויס געטאָן, און די פרעכע פרוי האָט אַרויסגעריסן מיין קינד פון מיינע אָרעמס. זי האָט „דערקלערט" אַז איך בין אַ שונא פונעם קינד. מיך מיטן מאַן שיקט מען אַרויס פון דער שטאָט, די טאָכטער אויך, אָבער פאַר איר זיינען באַשטימט בעסערע באַדינגונגען, דערפאַר נעמען זיי זי צו.

מיך האָט מען אַריינגעשטופּט אין אַ „שוואַרצן וואָראָן" (אַ ספּעציעלער לאַסט־אויטאָ, אָן פענצטער). מען האָט אונדז, צוויי און דרייסיק פרויען, געבראַכט אין דער זעלבער טורמע לעבן וועלכער איך האָב נעכטן די גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט.

## ד

טיפע נאַכט. איך שטיי פאַר מיין אויספאָרשער. אַ יונגער בלאָנדער בחור אין מיינע יאָרן. ער רופט אָן זיין פאַמיליע נאָמען: סלאָבאָזשאַנין. ער בעט מיך איך זאָל זיך זעצן. די אַלגעמיינע פראַגעס פון דער אַנקעטע: ווער? וואָס? וואו?

דערנאָך מעלדעט ער אַז מען באַשולדיקט מיך לויטן אַרטיקל 58, פּונקט 14 פונעם קרימינאַלן קאָדעקס: מיין מאַן, יאַוויטש ש.ג., איז אַ קאָנטערעוואָלוציאָנער, און איך האָב וועגן דעם געוואוסט אָבער ניט געגעבן צו וויסן דער ענ־קאַ־ווע־דע. דער אויספאָרשער לייגט מיר פאָר דערביי, אַז איך זאָל, ווי אַן ערלעכער בירגער, זיך מודה זיין און דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס. די ווערטער האָבן מיך געטראָפן ווי אַ דונער.

„חבר אויספאָרשער, ווי קענט איר אַזוינס זאָגן? מיין מאַן איז ערלעכער פון דעם ערלעכסטן..." אָבער מיך שטעלט אָפּ דער ווילדער אויסגעשריי פונעם אויפאָרשער:

„שווייגן! קודם, וואָס פאַר אַ חבר בין איך דיר? דער טאַמבאָווער וואָלף איז דיין חבר!" (טאַמבאָוו איז אַ שטאָט אַרומגערינגלט מיט וועלדער.) „דו האָסט רעכט צו זאָגן: בירגער אויספאָרשער".

יאָ, בירגער אויספאָרשער, בירגער נאַטשאַלניק, בירגער דעזשורנע... דו האָסט ניט קיין חברים, זיי זיינען ניט פאַר דיר, דו ביסט קיינעמס ניט. הפקר.

פרעג איך: „אין וואָס זאָל איך זיך מודה זיין?"

ענטפערט ער רואיק, מיט אַ ציניש שמייכל: „מיר וועלן אַלץ אַליין אָנשרייבן, דאָס איז שוין מיין זאָרג. דו וועסט נאָר מוזן אונטערחתמענען".

נאָכדעם ווי איך זאָג זיך אָפּ, הייבן זיך אָן פיזישע פּייניקונגען. דאָס ערשטע: „סטאָיקאַ". צוערשט זעט עס אויס זייער פשוט — מען דאַרף שטיין און שוין. אָבער אַז דו שטייסט אָפּ אַ שעה, צוויי, דריי, אַ מעת־לעת (די „נאָרמע" איז ביז פיר מעת־לעת) — אוי ווי פּיינלעך און שרעקלעך דאָס איז! מיר שטייען פיר ביז זעקס פרויען אין איין צימער. אַנטקעגן אונדז איז אַ טיש, אויפן טיש —

קאַווע, פּרוכטן, געבעקס. אויבנאָן זיצט אַן אויספאָרשער, זיי בייטן זיך אַלע פערטל שעה, און אַזוי קיילעכדיקע מעת־לעתן. איינע פון אונדז פאַלט אַנידער. מען ברענגט אַן עמער קאַלט וואַסער וואָס מ׳גיסט אויף איר אַרויס. דערביי גיט מען צו: „דאָס זיינען נאָך בלימעלעך, די יאַגעדעס זיינען פאָרויס...״

אויפן דריטן מעת־לעת לייגט פאָר דער אויספאָרשער זיין נייעם פּלאַן: „איך וועל אייך לאָזן גיין אין דער קאַמער, איר וועט זיך גוט באַטראַכטן, איר וועט אַלץ אָפּוועגן און אויסמעסטן. און איך בין זיכער, אַז איר וועט זיך אומקערן שוין אַנטוואָפּענע. אַן אַנטוואָפּענער פיינט איז ניט געפערלעך, אַפילו פאַרקערט, זיין שטראָף וועט זיין אַ סך לייכטער, איר וועט אונטערשרייבן אַלץ וואָס מען פאָדערט פון אייך.״

אַזוי האָט מען מיך געפּייניקט אין משך פון צוויי חדשים. לסוף האָט זיך די „אויספאָרשונג״ פאַרענדיקט, און מען האָט מיך איבערגעשיקט אין טשעליאַבינסק. דאָרט, געבראַכט אין אַ טורמע, האָט מען אונדז גענומען סאָרטירן לויט עפּעס אַ פּרינציפּ וואָס קיינער האָט אים ביזן היינטיקן טאָג ניט פאַרשטאַנען. ווער לינקס? ווער רעכטס? דערווייל שטייען מיר אין אַ שמוציקן צימער, ניט געראַמט, ניט געקאַלכט פון כמה יאָרן, די ווענט באַדעקט מיט אויפשריפטן — הונדערטער, טויזנטער ווענדונגען: ווער ווייסט, ווער קען דעם אָדער יענעם? מיר זיינען אַלע ווי צוגעשמידט געוואָרן צו די ווענט, אַלע זוכן, אַלע שרייבן. געפין איך פּלוצעם אין אַ ווינקל: ס׳איז אָנגעצייכנט אַ יידישע מצבה מיט אַזאַ אויפשריפט:

פּ נ

חיים יאַוויטש

ווילנע

ראַפּאָפּאָרט

שעדלעץ

און נידעריקער: „ווער ווייסט וואו איז שימקע, וואו איז בלומקע?״

חיים יאַוויטש איז דאָך מיין מאַנס עלטערער ברודער. ווער אויסער חיים האָט זיך געקענט צו אַזוינס דערטראַכטן, ווער האָט געקענט אַזוי טרעפלעך באַ־צייכענען אונדזער לאַגע? איך האָב באַלד דערקענט סיי די האַנטשריפט, סיי דעם סטיל. חיים האָט געענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר, ער איז געווען איינער פון די פעאיקסטע סטודענטן. ער איז געווען אַ זינגער, אַ טענצער, אַ שאַרפע צונג, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער. (ער לעבט היינט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין טשערנאָוויץ, צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין דאָרע באַסינזאָן.) זיינע לידער, סיי קאָמישע סיי זייער ערנסטע, פלעגט מען זינגען אין סעמינאַר. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ווילנער ייוואָ, אויס־געפילט פאַרשיידענע בקשות פון ד״ר מאַקס ווײַנרייך*.

פון אָט דער מצבה אויף דער וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן מיין לאַנגער וועג איבער די טורמעס און לאַגערן פון סטאַלינס „גולאַג״...

אין יאָר 1965 האָט מען שימקע יאַוויטשן, לויט מיין מעלדונג, רעהאַביליטירט (מיך — מיט צוויי חדשים פריער; אים — לאַנג נאָכן טויט).

מיט אַ צייט צוריק האָט די טעלעוויזיע באַוויזן ווי הינטער טשעליאַבינסק (דער צענטער פון דער געגנט אין וועלכער ס׳גייט אַריין מאַגניטאָגאָרסק) האָט מען געעפנט אַ גרויסע גרוב מיט מענטשלעכע ביינער, דער שאַרבן איז ביי אַלעמען דורכגעשאָסן זייער גענוי, אין איין אָרט. מען האָט אויפגעהויבן און באַוויזן עטלעכע אַזעלכע שאַרבנס. מיר איז געוואָרן זייער שלעכט — עס האָט זיך געדוכט אַז איך זע דעם שאַרבן פון מיין שימקעס שיינעם קלוגן קאָפּ.

*) וועגן חיים יאַוויטשן זע אין אָקספאָרדער יידיש 2, זז. 243-242, 251 — רעד.

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

III

# אָקספֿאָרדער ייִדיש

## III

רעדאַקטאָר
הירשע־דוד קאַץ

געהילף רעדאַקטאָרן
געננאַדי עסטרייך, דוב־בער קערלער


1995 תשנ״ה

פֿאַרלאַג „אָקספֿאָרדער ייִדיש“

# אינהאַלט

## יידישע שפּראַך און קולטור אין ליטע


כאַצקל לעמכען (ווילנע)
די השפּעה פון ליטוויש אויפן יידישן דיאַלעקט אין ליטע ............ 5

לייזער ראַן (ניו־יאָרק)
גלייכווערטלעך און רעדנסאַרטן פון ווילנער יידישן פֿאָלקס־מויל ....... 133

אהרן גאַראָן (ווילנע — בני ברק)
סאָפיע גורעוויטש און איר ווילנער גימנאַזיע (מעמואַר) ............ 153

אַרטור לערמער (מאָנטרעאָל)
זכרונות וועגן דעם ווילנער יידישן לערער סעמינאַר (מעמואַר) ......... 173

אַבראַשקע־קיוועס ראַגאָווסקי (תל אביב)
דער חפץ־חיים אין ראַדין (מעמואַר) .................... 193

רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס (ווילנע)
דער אַלטער ווילנער בית־עולם (פאָטאָגראַפיעס) ................ 205


## יצחק באַשעוויס

(1991 — 1904)


חנא שמערוק (ירושלים)
יצחק באַשעוויס: דער מעשה־דערציילער פאַר קינדער ............. 233

איטשע גאָלדבערג (ניו־יאָרק)
יצחק באַשעוויס־זינגער און די יידישע ליטעראַטור .............. 285

אריאלה קראַסני (רמת גן)
קבלה עלעמענטן אַלס פּאָעטישע סיסטעם אין דער שוחט ............ 317


## געשיכטע פון יידיש


דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
גיט(ע)לים, גיטלינ(ס) און גיטליץ: יידישע פאַמיליע נעמען און
מאָרפאָלאָגישע רעקאָנסטרוקציע ...................... 333

יאָהאַנעס ל. בראַזי (אָקספאָרד)
באַמערקונגען צו דרום־מערב יידיש ........ 369

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד)
צום אורשפרונג פונעם מלעיל ........ 389

## פאָלקלאָר

האָלגער נאַט (ניו־יאָרק)
נעמען פון שטעט אין יידישן פאָלקסליד: ממשותדיקע מקומות אָדער אילוזיעס? ........ 425

אהובה בעלקין (תל אביב)
קאַפּויערדיקער קאַפּויער: דער יידישער קאַרנאַוואַל־טעאַטער ........ 449

באַרים סאַנדלער (קעשענעוו — ירושלים)
שפּריכווערטער פון רישקאַן (בעסאַראַביע) ........ 473

## ליטעראַטור

מכאל קרוטיקאָוו (ניו־יאָרק)
נאַראַטיווע שטימען אין מענדעלעס דאָס קליינע מענטשעלע ........ 489

רחל משורר (רמת גן)
אַ טראַנספאָרמירטער מאָטיוו: פרצעס זיבן גוטע יאָר ........ 505

דפנה קליפאָרד (אָקספאָרד)
בילדער פון פרויען אין דוד בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען און פראַנץ קאַפקאַס דער שלאָס ........ 517

מיכל גיא (ירושלים)
משה קולבאַקס רייסן ........ 529

שלום לוריא (חיפה)
דעם נסתרס מלך מאַגנוס ........ 553

חיהלע ביר (אָקספאָרד)
מאַנגערס ערשטע באַלאַדעס: איינציקע אייגנשאַפטן ........ 573

יוסף בר־אל (רמת גן)
יעקב פרידמאַנס נפילים: גנעפּאַלנקייט און אַפּאָטעאָזיס ........ 585

משה קיאַק (בוענאָס איירעס)
צבי אייזנמאַנס אין דער נאַכט אויף שמירה: שולד געפילן ביי די לעבן געבליבענע ........ 605

## קולטור געשיכטע


בנימין נאַדעל (ניו־יאָרק)
די בונדישע פּרעסע און יידיש ........ 633

אסתר הורלימאַן (ציריך)
דער זשענעווער אידישער ארבייטער ........ 649

גענאַדי עסטרייך (אָקספאָרד)
יידישע פּראָלעטאַרישע קולטור רעוואָלוציע: אַ סטעזשקע
אין אַ בלינד געסל ........ 661

דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
אייזיק זאַרעצקי שרייבט פון סטאַלינאַבאַד (1945) ........ 681

ראובן־משה שפּירא (ניו־יאָרק)
יזכור־ביכער איבער יידישע ישובים אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד
און אוקראַינע ........ 701


## זכרונות


שפרה שטערן קרישטאַלקע (מאָנטרעאָל)
בלעטלעך פון אַ לערערינס טאָגבוך (טישעוויץ, 1932) ........ 725

זלמן ליבינזאָן (ניזשני נאָווגאָראָד)
וועגן דעם יידישן פאַקולטעט אין מאָסקווע ........ 753

בלומע קאַץ (סווינציאַן)
דאָס יאָר 1937 ........ 773

מאיר באָגדאַנסקי (לאָנדאָן)
לאָנדאָנער יידישע שרייבער ........ 785

מרים שמולעוויטש־האָפמאַן (ניו־יאָרק)
די חבלי לידה פונעם יוסף פּאָפּ יידישן טעאַטער ........ 809


## רעצענזיעס


קאָבי ווייצנער (תל אביב)
שלום־עליכם אין בילד ........ 833

אברהם לים (תל אביב)
בערל רויזן און זיין שאַפן: ליטעראַריש־היסטאָרישע שטודיעס ........ 845

דוב־בער קערלער (אָקספאָרד)
חוליות: אַ נייער שטאַפּל פון יידישער פילאָלאָגיע אויף עברית ........ 857

גענאַדי עסטרייך (אָקספאָרד)
נייע סעריע ייוואָ בלעטער: אַ פּילצוואָגנדיקער פּאָטשאַטעק . . . . . . . . . . . 873

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד)
דער גורל פון אוריאל װײַנרײַכס עזבון: דער ערשטער באַנד פונעם
אַטלאַס און די ראשי פּרקים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 889

## פון שלמה בירנבוימס עזבון

שלמה בירנבוים (טאָראָנטאָ)
אַלטע כּתב־ידן אויף יידיש . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 925
צוועלף בריוו פון שלמה בירנבוים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 937

תּיקון־טעותן און הוספות . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 965
וועגן די מחברים . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 981

# OXFORD YIDDISH

## Studies in Yiddish Language, Literature and Folklore

# III

Editor

Dovid Katz

Associate Editors

Gennady Estraikh    Dov-Ber Kerler

OKSFORDER YIDISH PRESS

in association with the

OXFORD INSTITUTE FOR YIDDISH STUDIES

ביבליאָטעק פון דער משפּחה קאַץ
מײַנקע, רבקה און הירש־דוד

## Contents

# Yiddish Language and Culture in Lithuania

Ch. Lemchenas (Vilnius)
The impact of Lithuanian on Yiddish in Lithuania 5

Leyzer Ran (New York)
Aphorisms and idioms in colloquial Vilna Yiddish 133

Aaron Garon (Vilnius — Bnei Brak)
Sofia Gurevitch and her *gimnazye* in Vilna (memoir) 153

Arthur Lermer (Montreal)
The Vilna Yiddish Teachers' Seminary (memoir) 173

Abrashka-Kives Rogovski (Tel Aviv)
The "Chofetz Chaim" in Radin (memoir) 193

Rimantas Dichavičius (Vilnius)
The old Jewish cemetery of Vilna (photographs) 205

# Isaac Bashevis Singer (1904 — 1991)

Chone Shmeruk (Jerusalem)
Isaac Bashevis Singer, teller of children's stories 233

Itche Goldberg (New York)
Isaac Bashevis Singer and Yiddish literature 285

Ariela Krasni (Ramat Gan)
Kabbalistic elements as poetic system in Singer's *Der shoykhet* 317

# Language

Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Git(e)lis, Gitlin(s)* and *Gitlitz*: Yiddish family names and morphological reconstruction 333

Johannes L. Brosi (Oxford)
Comments on Southwestern Yiddish 369

Dovid Katz (Oxford)
Origins of penultimate stress in the Semitic component in Yiddish 389

# Folklore

Holger Nath (New York)
Names of cities in Yiddish folksongs: real places or illusions? 425

Ahuva Belkin (Tel Aviv)
Yiddish carnival theatre 449

Boris Sandler (Kishinev — Jerusalem)
Yiddish proverbs from Rishkon 473

# Literature

Mikhail Krutikov (Moscow — New York)
Narrative voices in Mendele's *Dos kleyne mentshele* 489

Rachel Meshorer (Ramat Gan)
A transformed motif: Peretz's *Zibn gute yor* 505

Dafna Clifford (Oxford)
Images of women in Bergelson's *Nokh alemen* and
Kafka's *Das Schloss* 517

Michal Gai (Jerusalem)
Moyshe Kulbak's *Raysn* 529

Shalom Luria (Haifa)
The Nister's *Meylekh Magnus* 553

Helen Beer (Oxford)
Characteristics of Manger's early ballads 573

Joseph Bar-El (Ramat Gan)
Yankev Friedman's *Nefilim:* dejection and deification 585

Moisés Kijak (Buenos Aires)
Tzvi Eisenman's *In der nakht af shmire*: guilt of the survivor 605

# Cultural History

Benjamin Nadel (New York)
The Bundist press and Yiddish 633

Esther Hürlimann (Zurich)
The Geneva *Yidisher arbeter* 649

Gennady Estraikh (Oxford)
Jewish proletarian "cultural revolution": pathway to a blind alley 661

Dov-Ber Kerler (Oxford)
Ayzik Zaretski writes from Stalinabad (1945) 681

Reuven Moshe Shapiro (New York)
Memorial books for Jewish communities in Soviet Belorussia and Ukraine 701

## Memoirs

Shifra Shtern Krishtalke (Montreal)
Extracts from a teacher's diary: Tishevitz, 1932 725

Zalmen Libinzon (Nizhny Novgorod)
The Yiddish Faculty in Moscow 753

Bluma Katz (Svintsyan)
1937 773

Majer Bogdanski (London)
London Yiddish Writers 785

Miriam Hoffman (New York)
Birth pangs of the Joseph Papp Yiddish theatre 809

## Reviews

Kobi Weitzner (Tel Aviv)
A. Lis: Sholem Aleichem in Pictures 833

Abraham Lis (Tel Aviv)
Berl Royzn: *Literary and historical studies* 845

Dov-Ber Kerler (Oxford)
*Huliot*: a new phase in Yiddish studies in Hebrew 857

Gennady Estraikh (Oxford)
A new series of *Yivo bleter*: a beginning with great promise 873

Dovid Katz (Oxford)
The fate of Uriel Weinreich's legacy: volume one of the *Atlas* and the publication of *Outlines* 889

## From the Birnbaum Archive:

Solomon A. Birnbaum
Old manuscripts in Yiddish 925

Twelve letters from Solomon A. Birnbaum 937

Corrections and additions 965

Contributors to this volume 981